17 עס ווערט אַן ערגערער ריס. מען גיסט אויך נישט
אַריין קיין נייעם וויין אין אַלטע לאָגלען, טאָמער
פּלאַצן די לאָגלען, און דער וויין גיסט זיך אויס,
און די לאָגלען ווערן פאַרדאָרבן; נאָר מען גיסט
אַריין נייעם וויין אין נייע לאָגלען, און בּיידע האַלטן
זיך.
18 בעת ער האָט דאָס צו זיי גערעדט, זע, אַ שר איז
געקומען, און איז אַנידערגעפאַלן פאַר אים, און
האָט געזאָגט: מיין טאָכטער איז נאָר וואָס געשטאָרבן;
נאָר קום און לייג דיין האַנט אויף איר, און זי וועט
19 לעבן. און ישוע איז אויפגעשטאַנען, און האָט אים
20 נאָכגעפאָלגט מיט זיינע תלמידים. און זע, אַ
פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ בלוט־גאַנג צוועלף יאָר
לאַנג, איז צוגעקומען פון הינטן, און האָט אָנגערירט
21 די זוים פון זיין מלבוש. וואָרום זי האָט צו זיך
געזאָגט: אויב איך וועל נאָר אָנרירן זיין מלבוש, וועל
22 איך געהאָלפן ווערן. און ישוע האָט זיך אויסגעדרייט
און זעענדיק זי, האָט ער געזאָגט: זיי געטרייסט,
מיין טאָכטער, דיין אמונה האָט דיך געראַטעוועט!
און די פרוי איז געזונט געוואָרן פון יענער שעה
23 אָן. און ווען ישוע איז אַריינגעקומען אין הויז פון
דעם שר, און האָט געזען די פלייטשפילער, און
24 דאָס געטומל פון דעם המון, האָט ער געזאָגט: גייט
אַוועק! וואָרום דאָס מיידעלע איז נישט געשטאָרבן,
זי שלאָפט נאָר. און זיי האָבן זיך אויסגעלאַכט
25 פון אים. ווען אָבער דער עולם איז דערווייטערט
געוואָרן, איז ער אַריינגעגאַנגען, און האָט זי
אָנגענומען ביי דער האַנט; און דאָס מיידעלע האָט
26 זיך אויפגעהויבן. און דער דאָזיקער שם האָט זיך
פאַרשפרייט איבער יענעם גאַנצן לאַנד.
27 און ווען ישוע איז פונדאַנען ווייטער געגאַנגען,